# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ -058-323

ערב שב"ק פרשת
**משפטים**
כ"ג שבט שנת תשפ"ה

אין אידיש


בס"ד

# די חוב פון א מענטש צו זיין פריילין מיט זיינע יסורים און שוועריקייטן, וויבאלד אלעס איז פאר זיין טובה!!!

**» די לימוד אין אמונה, פון דעם וואס מען האט געגעבן רשות פאר א דאקטער צו היילן**

**עס** שטייט אין די וואכעדיג פרשה (כא, יט) וְרַפֹּא יְרַפֵּא, און אין מסכת **בבא קמא** (פה.) שטייט "ר' ישמעאל האט געזאגט עס שטייט אין פסוק 'ורפא ירפא' פון דא זעהט מען אז עס איז געגעבן געווארן רשות פאר א דאקטער צו היילן", און **רש"י** איז מסביר "אין מיר זאגן נישט, די אייבערשטער האט קראנק געמאכט און דער דאקטער היילט", און אין **תוס'** שטייט "פארוואס שטייט א דאפעלטע לשון פון 'ורפא ירפא', ווייל מען וואלט געקענט זאגן אז דוקא א קראנקהייט וואס איז געקומען דורך א מענטש, אבער א קראנקהייט וואס איז געקומען דירעקט פון הימל, ווען ער היילט דאס זעהט עס אויס ווי ער צושטערט די גזירה פונם קעניג, ווען דעם לאזט מיר די תורה הערן אז מען מעג".

**די** ספר **לב אליהו** (בפר' קדושים ע' מב) רעדט ארום שטארק אין דעם נושא, און שרייבט, אז די יסוד און די עיקר פון די חיות פון א מענטש, דאס איז די אמונה אז די רבוש"ע בכבודו ובעצמו קוקט זיך אום אויף איהם, און אויף די גאנצע וועלט, און קיין שום נברא אויף די וועלט האט נישט קיין כח צו טוהן עפעס אויב עס איז נישט אזוי די רצון פונם אייבערשטן. און ער ברענגט א שיינע רעיון וואס ער האט געהערט פונם **חפץ חיים** און דעם ענין פון לעבן מיט אמונה און א דערהויבענע בליק אויף יעדע גשמיות'דיגע זאך.

**ווייל** עס שטייט אין פארדעם אין די פרשה (כ, יח) וְכִי יְרִיבֻן אֲנָשִׁים וְהִכָּה אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ בְּאֶבֶן אוֹ בְאֶגְרֹף וְלֹא יָמוּת וְנָפַל לְמִשְׁכָּב, אִם יָקוּם וכו' רַק שִׁבְתּוֹ יִתֵּן וְרַפֹּא יְרַפֵּא. א פשוטע מענטש איז זיך מצייר אזא גשעיעניש מיט א גשמיות'דיגע און נאטירלעכע בליק, אז ראובן האט געשלאגן שמעון מיט א שטיין אדער מיטן פויסט, און ער האט איהם פוגע געווען אין א געוויסע אבר וכדו', אין דורך דעם איז שמעון אריינגעפאלן אין בעט מיט א ווייטאג און מחלה, און ממילא דארף איהם ראובן באצאלן, די הוצאות פון זיך אויסהיילן, און די אלע אנדערע זאגן וואס די תורה איז מחייב.

**אבער** לאמיר געבן א בליק ווי אזוי חז"ל הק' האבן אפגעלערנט די פרשה, זיי האבן געזען אין די ווערטער פון די תורה, נישט מער ווי דאס אז 'פון דא זעהט מען אז מען האט געגעבן רשות פאר א דאקטער צו היילן', דאס הייסט אז בעצם האבן זיי געזעהן אין די תורה אן אנדערע מעשה אינגאנצן, אויף שמעון איז נגזר געווארן צו זיין קראנק מיט צער און יסורים, נאר וויבאלד די באשעפער איז 'מגלגל א חוב דורך איינער וואס איז שוין שולדיג (-א בעל עבירה)', האט די באשעפער געמאכט אז די שולדיגער זאל זיך צוזאמטרעפן מיט דעם וואס איז באשערט ער זאל ווערן קראנק, און דורך איהם זאל ער קראנק ווערן, און מיט דעם אלעם האט די תורה געגעבן רשות פאר שמעון זיך צו גיין היילן, און פאר ראובן די חיוב צו באצאלן פאר שמעונ'ן.

**פון** דעם קען מען זיך לערנען, ווי אזוי דארפן מיר קוקן אויף אלעס וואס טוהט זיך אפ אין די גשמיות'דיגע וועלט, אז באמת וויבאלד אלעס איז באשערט פון אויבן, וואלט געווען א סברא אז מען זאל נישט דארפן באצאלן איינער פארן צווייטן, און אז מען זאל נישט מעגן טוהן קיין שום זאך פארקערט ווי וואס די באשעפער האט אינטערגעפירט, און מען דארף צוקמען צו ספעציעלע 'היתר' אז מען זאל יא מעגן זיך היילן, און אז מען זאל דארפן באצאלן איינער פארן צווייטן.

**אויך** טרעפן מיר די געוואלדיגע שטארקייט אין אמונה, אין די אויפירונג פון דוד המלך ע"ה, אז ווען שמעי' בן גרא האט איהם געשאלטן זייענדיג א מלך, און זיינע געהילפן האבן איהם געוואלט פארשטיינערן, האט דוד המלך זיי נישט געלאזט איהם שלעכטס טוהן זאגענדיג דערביי 'די באשעפער האט איהם געזאגט שעלטן'. פאר דוד המלך איז געווען קלאר אז א יעדע צער וואס געשעהט פאר איהם, אפי' אויב עס זעהט אויס אז א מענטש האט איהם עס געטוהן, באמת איז אלעס נאר פונם אייבערשטן.

**» וויבאלד די רבוש"ע איז דער וואס פירט אינטער די יסורים, איז עס אודאי נאר פארן טובה פונם מענטש**

**און** די **חפץ חיים** איז מוסיף און זאגט - אז וויבאלד עס איז קלאר אז אלעס געשעהט נאר דורכן אייבערשטן די אב הרחמן, ממילא איז אודאי' אלעס נאר פארן טובה פונם מענטש, אז די בושות וואס די יסורים וואס א מענטש גייט דורך זאלן מכפר זיין אויף זיינע זינד, און אויב אזוי ליגט אויף א קלוגע מענטש די חוב צו פארשטיין, אז עס איז בכלל נישט קיין קלוגע שריט צוריק צוענטפערן פאר די וואס פארשעמען איהם, נאר אדרבה, א מענטש דארף נאך דאנקן עם רבוש"ע אז ער האט איהם אינטערגעפירט אזא כפרה, און חז"ל זאגן דאך (גיטין לו:) "הנעלבין ואינם עולבין שומעין חרפתם ואינם משיבים וכו' עליהם הכתוב אומר ואוהביו כצאת השמש בגבורתו".

**און** מען זאגט נאך בשם די **חפץ חיים**, אז ער איז געווען געוואוינט נאכצוזאגן די מאמר פונם **גר"א זצ"ל** אז "ווען נישט די יסורים, וואלטן מיר זיך נישט געקענט טרעפם די הענט און די פיסביים יום הדין", און ער פלעגט מפרש זיין די פסוק (תהלים לב, י) רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ, מיט א משל, אז פארצייטענס פלעגט מען פארשרייבן גאר ביטערע מעדיצינען פאר די וואס זענען געווען ל"ע חולי מעיים, און מיט דעם אלעמען האבן די חולים עס גענומען, נישט וואוסנדיג זיך מאכן פון די שארפקייט און ביטערקייט פונם מעדיצין, אין די קראנקער מענטש איז געווען גרייט צו ליידן פון דעם אבי ער זאל ווערן אויסגעהיילט פון זיין מחלה, אבער במשך צו צייט איז מען אויסגעקומען ווי אזוי מען קען מאכן גרינגער פארן חולה, דורכן ארום וויקלן די מעדיצין מיט א דינע שיכט פון עפעס א געוויסט זאך, וואס דאס האלט צוריק צו פילן די ביטערע טעם.

**די** נמשל איז לגבי אונזער ענין פון אויסהאלטן יסורים, אז "רבים מכאובים לרשע" ווען עס קומט ווייטאגן פאר א רשע, פילט ער איז מיטן גאנצן שטארקייט, אבער ווען עס קומט יסורים אויף א "בוטח בה'" פילט ער נישט אזוי שטארק די יסורים ווייל "חסד יסובבני", די יסורים זענען ארומגעוויקלט מיטן איינערקענונג אז אלעס איז נאר איין שטיק חסד פונם אייבערשטן, ממילא פילט ער נישט אזוי שטארק די ביטערקייט פון דעם.

**» א מענטש דארף זיך פרייען מיט זיינע יסורים, אזוי ווי אן עבד פריידט זיך מיט די שלעק וואס ער באקומט פון זיין הער, ווייל דורך דעם ווערט ער באפרייט**

**און** לויט דעם, קען מען פארשטיין די המשך פון די פרשה (כא, כו) וְכִי יַכֶּה אִישׁ אֶת עֵין עַבְדּוֹ אוֹ אֶת עֵין אֲמָתוֹ וְשִׁחֲתָהּ לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ תַּחַת עֵינוֹ, און אזוי ווי די ספרים ברענגן ארויס א מורא'דיגע מוסר השכל פון דעם, ווייל בדרך כלל א מענטש וואס באקומט א קלאפ פון זיין חבר, ווערט רעדט נאך אויב

יענער האט איהם אויסגעהאקט א ציין אדער אן אויג, וועט ער זיין גאר ברוגז אויף יענעם, און אויב האט ער זיך נאכנישט אויסגעארבעט זיינע מדות, וועט ער איהם נאך גוט אריינגעבן, ווידעראום אויב רעדט זיך עס פון אן עבד כנעני, איז נישט נאר ער וועט נישט זיין ברוגז אויפן הער, ער וועט נאך אויב דאנקן אויף דעם וואס דורך דעם ווערט ער באפרייט פון זיין דינסטשאפט, קומט אויס אז אפי' גאר א שטארקע קלאפ, ווערט פארקלענערט דורכן איינערקענען אז דאס וואס ער גייט באקומען אויף דעם צער, איז ווערן אויסגעלייזט פון א גרעסערע צער און פארשקלאפונג, וואס ליגט אויף זיינע פלייצעס טאג טעגליך.

**דאס** איז וואס די פסוק קומט אונז מרמז זיין, אז אזוי ווי אן די עבד פריידט זיך מיט זיין צער, אזוי אויך דארף זיך א יעדע איד פרייען מיט א יעדע קלאפ וואס די באשעפער דער 'הער פון אלעס' פירט איהם אינטער, און ער זאל נישט פילן די שוועריקייט און ביטערקייט פון די צרה און עגמת נפש וואס ליגט און א יעדע שוועריגקייט, און ער זאל זיך נישט אפרעדן אויף דעם, וויבאלד דורך דעם ווערט דער מענטש באפרייט פונם יאך פון הויפנעס פון עבירות רח"ל וואס ליגט אויף זיינע פלייצעס, און ער זאל זיך איינחזר'ן די מאמר חז"ל (ברכות ה.) "אז יסורים רייניגן אויס די עבירות פון א מענטש", און ווען נישט די יסורים, וואלט ער געדארפט ח"ו ליידן אסאך אסאך מער אויף יענע וועלט, נאך הונדערט און צוואנציג.

> "...אזוי אויך דארף זיך א יעדע איד פרייען מיט א יעדע קלאפ וואס די באשעפער פירט איהם אינטער, און ער זאל נישט פילן די שוועריקייט און די ביטערקייט פון די צרה און עגמת נפש וואס ליגט אין א יעדע שוועריגקייט, וויבאלד דורך דעם ווערט דער מענטש באפרייט פונם יאך פון הויפנעס פון עבירות רח"ל..."

**ממילא** אדרבה, א מענטש דארף זיין פריילעך ווען עס קומט איהם אינטער עפעס א צער, וויסענדיג אז דאס איז די בעסטע וואס קען נאר זיין פאר איהם, און ער דארף געדענקען אז דורך די קליינע צער וואס ער ליידט דא, שפארט ער זיך איין אסאך צער אויף יענע וועלט, און ער זאל טאקע דאנקן דעם רבשו"ע אז ער ברענגט נישט אויף איהם שווערע צרות ח"ו, און אויב איז איהם געשעהן א שאדנ'ס אין זיין געלט זאל ער דאנקן דעם באשעפער אז ער צאלט איהם נישט אפ דורך צרות פון זיין אייגענע גוף, אדער וואס זיין ווייב און קינדער ח"ו.

### » מורא'דיגע ווערטער אויף די גרויסע תועלת פון יסורים

**אין מדרש תנחומא** (סוף יתרו ט, ט"ז) ווערט שטארק אויסגעברייטערט אויף די ענין פון די תועלת פון יסורים, פאלגאנד איז די לשון: לֹא תַעֲשׂוּן אִתִּי אֱלֹהֵי כֶסֶף וֵאלֹהֵי זָהָב (שמות כ, כ), איר זאלט נישט מאכן אזוי ווי די מענטשן פירן זיך מיט זייער אפגעטער, ווען א טובה קומט אויף זיי, זענען זיי מכבד זייער אפגאט, אבער ווען עס קומט אויף זיי א צרה שעלטן זיי זייער אפגאט, אבער עטץ זאלט געבן א דאנק און א לויב אויפן גוטס און אויפן שלעכטס, אזוי ווי דוד האט זיך געפירט וכו'".

"**אויך** איוב האט געזאגט ה' נָתַן וַה' לָקָח יְהִי שֵׁם ה' מְבֹרָךְ, סיי אויב די באשעפער פירט זיך גוט מיט דיר און סיי אויב ער פירט זיך מיט א מדת פרעניות, וואס זאגט איהם זיי פרוי "די האלטס זיך נאך מיט דיין תמימות, שעלט דעם אייבערשטן", האט ער איר געענטפערט די רעדסט ווי איינע פון די 'נבלות' רעדן, נאר די גוטס וועלן מיר מקבל זייך פונם אייבערשטן און די שלעכטס וועלן מיר נישט מקבל זיין"

**און** מדרש איז דארט ממשיך מיט דורכדרינגליכע ווערטער: "א מענטש דארף זיך פרייען מיט יסורים מער ווי פון גוטס, ווייל אפי' א מענטש האט גוטס א גאנצן לעבן, איז מען איהם נישט מוחל די עבירות וואס ער האט, און מיט וואס איז מען איהם יא מוחל, מיט יסורים, ר' אליעזר בן יעקב זאגט, ...ווער האט גורם געווען אז די קינד זאל ווערן מרוצה ביים טאטן, דאס איז די יסורים, ר' מאיר זאגט, עס שטייט אין פסוק "וידעת את לבבך, כי כאשר ייסר איש את בנו ה' אלקיך מיסרך" וואס מיינט מען צו דריקן מיט 'וידעת עם לבבך', זאלסט וויסן אין הארץ, די אלע מעשים וואס די האסט געטוהן, און אז די יסורים וואס איך ברענג אויף דיר איז בכלל נישט לויט דיינע מעשים, ר' נחמיה זאגט, בליבט זענען די יסורים, אז אזוי ווי קרבנות באווייליגן, אזוי אויף די יסורים באווייליגן, וכו', און נישט נאר דאס, נאר די יסורים באווייליגן נאך מער ווי קרבנות, ווייל קרבנות איז ברענג מען מיט געלט, ווידעראום יסורים איז מיטן גוף, וכו'", ביז דא איז לשון פונם מדרש.

**אזוי** אויף טרעפן מיר, ביי די ערשטע יסורים וואס איז נגזר געווארן אויף כלל ישראל ביי די ברית בין הבתרים, אז מען זאל זיין אין גלות פיר הונדערט יאר, איז פארמינערט געווארן פון דעם הונדערט ניינציג יאר, וועגן די שווערקייט פון די יסורים וואס די אידן האבן געליטן.

**און** די **גר"א** (אין ספר קול אליהו) איז מפרש לויט דעם, די וואונדערונג אז די טראפ וואס איז דא אויף די ווערטער 'וימררו את חייהם' איז א 'קדמא ואזלא' וואס הערט זיך אביסל מיט א פרייליכע שטימונג, און לכאו' וואלט ענדערש געדארפט זיין א 'דרגא תביר' וואס איז מער א טרויעריגע טראפ, נאר די תורה וויל מיט דעם מרמז זיין אז דורך 'די פארביטערן די לעבן פון די אידן' איז געווארן 'קדמא ואזלא' מען האט געפעדערט ארויס צוגיין פון מצרים.

**און** עס איז זייער מדויק, ווייל די ווערטער 'קדמא ואזלא' איז בגי' פונקט הונדערט ניינציג, ק"ץ, די צאל פון די יארן וואס מען האט געפעדערט ארויסצוגיין פון מצרים.

### » מען קען נישט אלעמאל גלייך זעהן די טובה וואס ליגט אין די צרה

**אין ספר אהל יעקב** (סוף ספר בראשית) שרייבט אין פאלגאנגן לשון: "עס שייט אין פסוק אין נביא וּפְדוּיֵי ה' יְשֻׁבוּן וגו' שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יַשִּׂיגוּ וְנָסוּ יָגוֹן וַאֲנָחָה וגו' (ישעיה לה, י), די ווארט 'ונסו' האט נישט קיין פשט וכו', נאר דאס איז פשט, ווייל יעצט אין גלות פארמערט זיך די זיפצן און וויינערייען אויף די אלע שוועריקייטן וואס מיר גייען דורך, אבער לעתיד לבא וועלן מיר זעהן קלאר און דייטליך די אלע טובות וואס מיר האבן געהאט האבן געקענט צושטאנד קומען נאר דורך די פארמערקייט פון די צרות וואס מיר האבן געהאט, קומט אויס אז עס וועט אנטפלעקט ווערן, אז לכתחלה האט מען נישט געדארפט קרעכצן אויף די צרות, ווייל זיי האבן געברענגט די אלע גוטס, און דאס איז פשט וכו'".

"**און** דאס מיינט אויך די פסוק וְהָפַכְתִּי אֶבְלָם לְשָׂשׂוֹן וְנִחַמְתִּים וְשִׂמַּחְתִּים מִיגוֹנָם (ירמיהו לא, יב), וואס לכאו' ווי זעהן מיר אז עס ווערט איבערגעדרייט די אבל פאר א פרייליכקייט, אבער לויט ווי מיר האבן מסביר געווען שטימט עס, ווייל לעתיד וועט ווערן אנטפלעקט אז טאקע אט די שוועריגקייטן דאס איז געווען די גורם און די אנפאנג פון די שמחה", ביז דא זענען זיינע ווערטער.

**און** אויף דעם וועג איז **צל"ח** מסביר (דאס איז די אינהאלט פון זיינע ווערטער אין מסכת פסחים מט, בשם די **מגיד פון ברוד זצ"ל**) וואס עס שטייט אין חז"ל "קום און קוק אז די וועלט איז נישט אזוי ווי יענע וועלט, אויף דער וועלט מאכט מען אויף א גוטע בשורה די ברכה פון הטוב והמטיב, און אויף א שלעכטע זאך דיין האמת, דערקעגן אויף יענע וועלט מאכט מען נאר הטוב והמטיב", און מען דארף פארשטיין, ווייל אודאי מאכט מען נישט אויף יענע וועלט נאר הטוב והמטיב, ווייל עס איז דאך נישט דא קיין שלעכט אויף יענע וועלט, נאר פשט איז אז דאס וואס שטייט אז אויף יענע וועלט וועט מען זאגן נאר די ברכה פון הטוב והמטיב, דאס איז אויז די זאכן וואס איז געשען אויף די וועלט, דאס הייסט לעתיד לבא וועט מען זיין אז אלעס וואס געשען אויף די וועלט איז געווען לטובה, וועגן דעם וועט מען זאגן אפי' אויף די נישט גוטע זאכן די ברכה 'הטוב והמטיב'.